בעזרת השם יתברך

# פרק פ״ד

## • מסעי •

### אין דעם פרק ווערט ערקלערט:

די כוונה פון פסוק ״אם תגביה כנשר״ וגו׳. - ווי אַזוי עס איז שייך צו באַגנבי׳ענען אַן אָרימאַן. - די וויכטיגקייט פון צוריקגריסן יעדן מענטש, וואָס ברענגט צו אחדות.- די עשירים האַלטן זיך גרויס צוליב זייער רייכטוהם.

❖

דער **אסטראָווצער גאון** און צדיק - ״ר׳ צדוק ז״ע פון זיין דור״ איז מסביר די ווערטער פון הייליקן קאזניצער מגיד: ״די נשמה פונעם מענטש קומט פון גאר הויך און נידריקער ביז אראפ, דעריבער א נשמה וואס קומט פון א נידעריק ארט, קען נישט פארשטיין ענינים וואס קומען פון א העכערן ארט ווי זיין שורש נשמה, דעריבער ווער עס לערנט דעם זוהר אין ״קב הישר״ פארשטייט עס בעסער ווי ווען ער וואלט עס געווען געלערנט אינעם זוהר אליין, ווייל דער מחבר פון ״קב הישר״ האט אריינגעגעבן אין זיין ספר דעם כוח הקדושה פון זיין שורש נשמה, דעריבער קען מען נתעורר ווערן מער דורך לערנען דעם ״קב הישר״ איידער דעם זוהר גופא.

# אינהאלט

## פון פרק פ"ד

**א.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט: אויב איינער גיט דיר שלום און דו געבסט נישט צוריק שלום, ווערסטו גערופן אַ גזלן..........ה

**ב.** פיל מענטשן זענען נכשל אין דעם פרט..........ה

**ג.** אויב מען ענטפערט צוריק שלום, ווערן די הערצער זיין נאָנט איינס מיט'ן אַנדער'ן..........ו

**ד.** בפרט צו די אָרימע לייט זאָל איר זאָגען שלום..........ז

❖ ❖ ❖

# פרק פ״ד

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: אויב איינער גיט דיר שלום און דו געבסט נישט צוריק שלום, ווערסטו גערופן אַ גזלן.**

**א. כתיב אם תגביה,** ס׳שטייט אין פסוק דער נביא זאָגט, ווען דו וועסט זיך דערהייבן אַזוי הויך ווי אַן אָדלער פליט, און ווען דו וועסט לייגן דיין נעסט צווישן די שטערן, פון דאָרטן וועל איך דיך אַראָפּ נעמען, אַזוי זאָגט דער באשעפער, זאָגט דער מחבר איך וועל דעם פסוק מפרש זיין על פי דרוש. נאָר איך וועל פריער ברענגען אַ גמרא ברכות, די גמרא זאָגט וואָס מיינט דער פסוק ״ואתם בערתם הכרם גזלת העני בבתיכם״, און איר האָט אויסגערוימט דעם וויין גאָרטן, איר גזל׳ט דעם עני אין אייערע הייזער? אויב ער איז אָרים וואָס קען מען ביי אים גזל׳ענען, ער האָט דאָך קיין שום זאַך נישט? האָט רבי חלבו געזאָגט דאָס איז געמיינט אַז דער אָרימאַן גיט איינעם שלום און ער גיט נישט צוריק שלום, ווערט ער גערופן גזלן.

**פיל מענטשן זענען נכשל אין דעם פרט**

**ב. והנה העון הזה,** איך האָב געזען אַז אין די זינד ווערן נכשל פיל מענטשן, אַז אַ מיטלער מענטש גיט שלום צו אַן עושר קערט דער עושר אַוועק זיין פנים פון אים, מכל שכן אַז אַן אָרימאַן גיט שלום צו אַן עושר וויל ער אפילו נישט קוקן אין זיין פנים אַריין און ער מאַכט זיך ווי גלייך ער זעט אים נישט, און זיינע אויערן הערן נישט. דער ווערט גערופן גזלן, און דאָס איז אַלץ פון וועגן די גרויסע גאוה וואָס דער עושר האָט דערפאַר וויל ער נישט ענטפערן שלום צו אַ מיטלען מאַן און מכל שכן צו אַן אָרימאַן, און מחמת די גרויסע גאוה פון דעם עושר קערט ער זיין פנים אַוועק אין אַן אַנדער זייט און דערפאַר ווערט דער אָרימאַן פאַרשעמט, און די זאַך איז גלייך ווי דער עושר איז אַן אָדלער און האָט צוויי קעפּ, איין קאָפּ דרייט ער

אין איין זייט און די צווייטע קאָפּ דרייט ער אין די צווייטע זייט. און אויף אַ מענטש וואָס איז אַזאַ בעל גאוה ווערט אויף אים געזאָגט אויב דו ווערסט זיך אויפהייבן ווי אַן אָדלער פון דאָרטן וועל איך דיר אַראָפּנעמען זאָגט השם יתברך, ווייל דער אויבערשטער איז העכער פון אַלע הויכע, ער ווייסט אַלע באַהאַלטענע זאַכן. ער מאַכט נידעריג די עשירים וואָס האַלטן זיך בעל גאוה און ער הייבט אויף די נידעריגע דאָס זענען די אָרימע לייט. השם יתברך וועט מאַכן אַז דער עני וועט זיין אין גיכן אַן עושר, און דער עושר וועט אָרים ווערן.

## אויב מען ענטפערט צוריק שלום, ווערן די הערצער זיין נאָנט איינס מיט׳ן אַנדער׳ן

**ג. על כן אני מזהיר**, דערפאַר בין איך מזהיר צו יעדן בר דעת ער זאָל אָפּטאָן דאָס שטרויכלונג פון זיך, און יעדע מענטש וואָס זאָגט אים שלום זאָל ער צוריק ענטפערן שלום. ווייל דעמאָלטס ווערן די הערצער זיין נאָנט איינס מיט׳ן אַנדער׳ן, אָבער אַז דער עושר קערט נישט אום זיין האַרץ צום אָרימאַן וועט דער אָרימאַן שרייען מיט אַ ביטער האַרץ צו השם יתברך, און השם יתברך וועט בוודאי הערן זיין געשריי ווייל ער איז דאָך אַ דערבאַרעמדיגער באַשעפער, און איך האָב געזען אַז עס זענען דאָ מענטשן מחמת זייער עשירות האַלטן זיי זיך בעל גאוה און עס איז דאָ מענטשן וואָס האַלטן זיך בעל גאוה פון וועגן זייער חכמה, קען מען אויף זיי פאָרט מלמד זכות זיין דאָס זיי האָבן אַביסל גאוה וועגן זייער עשירות, אָדער וועגן זייער חכמה, אָבער די מענטשן וואָס זענען אָרים און האָבן נישט תורה און נישט קיין חכמה און זענען אויך נישט קיין מיוחסים און האָבן אלץ גאוה, אויף די בין איך נאָך מער ברוגז. דען פאַרוואָס זאָלן זיי האָבן גאוה.

## בפרט צו אָרימע לייט זאָלט איר זאָגען שלום

**ד. ע״כ אחי,** דערפאַר מיינע ברידער און מיין פריינד קערט אָפּ פון די וועגן פון גאוה, און איר זאָלט זען צו רעדן מיט יעדן מענטש, און בפרט צו די אָרימע לייט זאָל איר זאָגען שלום, און מכל שכן אַז איר זענט מחויב זיי צוריק ענטפערן שלום און דעמאָלטס וועט השם יתברך וואָס מאַכט שלום צווישן זיינע מלאכים, דער אויבערשטער וועט טאָן שלום צו אונז און צו אַלע אידן אמן.

❖ ❖ ❖